בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

### סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראֹשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ה**

**407**

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
הוצאת
מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וָואס זִיךְ פָּארְצוּנֶעמֶען פַאר דִי נַייעֶ יָאר?........................א

וִוי אַזוֹי עֶנְטְפֶערְט מֶען שְׁאֵלוֹת אִין צְנִיעוּת?........................ב

אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אַלְטֶע הֲלָכָה שְׁאֵלוֹת?........................ג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דוּ הַאלְסְט נִישְׁט פוּן זִיךְ, דָאס לָאזְט נִישְׁט וַואקְסֶן........................א

אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אַרַיינְצוּקוּמֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן........................א

מַזָל טוֹב פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן דַיין טָאכְטֶער........................ב

אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ קְלַאזֶעט?........................ג

אַ מָאטָארְסַייקְל אִיז אַ סַכָּנָה........................ג

אַ צַדֵיקֶת וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אֵיידְל?........................ד

זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַנְדֶערְע........................ד

פָּאלְג אַלֶעס דִי יְשִׁיבָה........................ה

גְרוֹיסֶער חִילוּק אִין יָארְן בַּיי זִיווּג שֵׁנִי?........................ו

מִזְמוֹר לְתוֹדָה אִיז אַ סְגוּלָה פַאר גֶעבּוֹירְן........................ו

וֶוען אַ מֵיידְל קוּמְט נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג?........................ז

רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט........................ז

נִישְׁט אָפְּלַאכְן פוּן וָואס מֶען רֶעדְט אִינֶעם מוֹסָד........................ח

עֶס אִיז גוּט צוּ זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט........................ח

זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ צַדִיק........................ט

לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, אוּן שְׁפִּילְן מִיט זֵיי ........ י

ווִי טְרֶעפְט מֶען אַ צַדִיק צוּ מַאכְן וִידוּי דְבָרִים? ........ יא

נַייעֶ אַלְבּוּם "וָואס אִיז אַ רֶבִּי?" ........ יא

מְסִירַת נֶפֶשׁ פַאֲרְן ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ יג

מוֹחֵל זַיין מַיין טַאטֶע? ........ טז

כַּוָונוֹת הַנַעֲנוּעִים ........ טז

זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס ........ יח

שֶׁעצְן דֶעם מַאן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר אִיז ........ יח

גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַ תִּיקוּן פַאֲרְן מֶענְטְשׁ ........ כ

אַלֶעס זָאל זַיין אָפְּן, מֶען זָאל אַלֶעס קֶענֶען זֶען ........ כא

וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן ........ כא

דֶער מַאן אִיז אִין אַן אָרְגָאנִיזַאצְיֶע פוּן חֶסֶד ........ כג

שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ ........ כד

בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה ........ כה

מִנְהָגִים פוּן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר ........ כו

אַ זִיסֶע יָאר, אַ גוּטֶע יָאר, מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת ........ כז

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ ........ כח

אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט מִיט שִׂמְחָה פַאר מִצְוֹות ........ כט

אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיין זְכוּת, ווִי דוּ זָארְגְסְט פַאר דַיין טַאטֶע ........ ל

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ גְרִיסְן יֶעדְן ........ לא

סוּכּוֹת אִיז מוֹהֲרָא"שְׁ'ס זַאךְ ........ לב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס זִיךְ פָּארְצוּנֶעמֶען פַאר דִי נַייעֶ יָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט זַיין מַיין גֶעבּוּרְטְסְטָאג דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ, הָאבּ אִיךְ נָאכְמַאל גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען לְכָבוֹד דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג אוּן לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר.

פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר הָאט מִיר דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל עֶפֶּעס קָאכְן אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע פְּרוּבִּירְט דָאס צוּ טוּן, אֲפִילוּ אִיךְ עֶס נִישְׁט שַׁבָּתִים אִין שְׁטוּבּ הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען צוּ בַּאקְן עֶפֶּעס אוּן עֶסְן פוּן דֶעם שַׁבָּת, אָדֶער הָאבּ אִיךְ צוּגֶעגְרֵייט אַ סַאלַאט אוֹיף שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן עֶס גֶעשִׁיקְט אִין שׁוּל. אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מֶער פוּן אַפָּאר מָאל אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעמַאכְט אוֹיף שַׁבָּת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ פָּארְנֶעמֶען דָאס יָאר, אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס הֵייסְט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַ קַבָּלָה, מֶען דַארְף זָאגְן 'הֲרֵינוּ מְקַבֵּל עָלַי'?

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**נֶעמְט זִיךְ פָּאר צוּ הַאלְטְן דִי גוּטֶע קַבָּלָה פוּן פַארְיָאר, צוּ מַאכְן עֶפֶּעס**

אַ גוּטֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, מֶען דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען אַ נַייעֶ פְּרִישֶׁע גוּטֶע קַבָּלָה. נֶעמְט זִיךְ פָּאר דָאס וָואס אִיר הָאט זִיךְ פָּארְגֶעְנוּמֶען פַארְיָאר; מַאכְט עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, מַאכְט עֶס מִיט שִׂמְחָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מַאכְן עֶסְן פַאר שַׁבָּת אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווִי אַזוֹי עֶנְטְפֶערְט מֶען שְׁאֵלוֹת אִין צְנִיעוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן, אוֹיף דִי גֶעוָואלְדִיגֶע חִיזּוּק בְּרִיוְון, אוּן אוֹיף אַלֶעם, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, מֶען זָאל פָארְן אוּן קוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן לַייכְטֶערְהֵייט, מִיר וֶועלְן דַאוֶּוענֶען פוּן דָא, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אוּנְז אִינְזִין הָאבְּן פוּן דָארְט.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן וֶוען אַ מַאמֶע פְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת וֶועגְן צְנִיעוּת, וָואס יָא צוּ קוֹיפְן אוּן וָואס נִישְׁט, וִוי אַזוֹי אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן; וֶוען אִיךְ וֵוייס אַז זִי אִיז אַבִּיסְל וַוייט אִין דִי נוֹשֵׂא אוּן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַ חִילּוּק פוּן רוֹיט מִיט שְׁוַוארְץ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא בְּנֵי בְּרַק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען אַ פְרוֹי פְרֶעגְט אַייךְ אַ שְׁאֵלָה אִין צְנִיעוּת אִיז גְרִינְגֶער צוּ זָאגְן וִוי פַאר אֵיינֶער וָואס פְרֶעגְט נִישְׁט, וַוייל אַז מֶען פְרֶעגְט - אִיז שׁוֹין אַ סִימָן אַז מֶען וִויל הֶערְן אוּן מֶען אִיז גְרֵייט אָנְצוּנֶעמֶען.

מִיט דֶעם דַארְף מֶען וויסְן אַז מֶען דַארְף מִיט גֵיין מִיט יֶענֶעמְ'ס מֹחַ אוּן מִיט יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן. דָאס בֶּעסְטֶע אִיז אַז מֶען הֶעלְפְט יֶענֶעם טְרַאכְטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיט יֶענֶעם. לְמָשָׁל מֶען פְרֶעגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט אַבִּיסְל צוּ אוֹיפְפַאלְנְד? דָאס אִיז נִישְׁט אַבִּיסְל צוּ קוּרְץ?" דָאס הֵייסְט מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט יֶענֶעם, מֶען פְרֶעגְט יֶענֶעם, אַזוֹי ווִי לָאמִיר הֶערְן אוֹיךְ דַיין מֵיינוּנְג, אוּן אַז יֶענֶער עֶנְטְפֶערְט 'אִיךְ זֶע נִישְׁט וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט דֶעם וְכוּ'' זֶעט מֶען אַז יֶענֶער אִיז נָאכְנִישְׁט גְרֵייט.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל רֶעדְן נָאר צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶעם לָשׁוֹן הַזּוֹהַר (פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, דַּף קפו:): "זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְּשָׁמְעִין", וואוּיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אַלְטֶע הֲלָכָה שְׁאֵלוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה פוּן אַן אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק הָאב אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ שְׁאֵלוֹת, אוּן דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ נִישְׁט אַלֵיין גֶעפְרֶעגְט דֶעם דַיָּין נָאר מַיין מַאן פְלֶעגְט אַלֶעס פְרֶעגְן. אוּן נָאכְדֶעם הָאבְן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְן וַוארְטְן אַ שִׂמְחָה, אוּן וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן דֶעם הָאב אִיךְ נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה, ווַייל אִיךְ טְרַאכְט אַז וֶוען אִיךְ וָואלְט אַלֵיין גֶעפְרֶעגְט וָואלְט מֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ גֶע'פַּסְקְנְ'ט.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחִי'**

דִי זַאךְ פוּן אִיבֶּער טְרַאכְטְן נָאכְן פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת - אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע יֵצֶר הָרָע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אִידִישְׁקַייט, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט קְדוּשָׁה, דָאס הָאט מִיט דִי יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל צֶעבְּרֶעכְן; וַוייל אַז מֶען הָאט גֶעטוּן וָואס מֶען דַארְף טוּן, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיים רָב אָדֶער דַיָּין - טָאר מֶען מֶער נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִיר הָאבְּן גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּן כב, דַּף סז.): "וְאַתְוָון בְּשִׂמְחָ"ה אִיהִי מַחֲשָׁבָ"ה", מַחֲשָׁבָה אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן בְּשִׂמְחָה; דוּרְךְ זַיין פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען הָאבְּן גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת. אַזוֹי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "עַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ" אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען טְרַאכְטְן נָארְמַאל, "וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ" מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, דִי קָאפּ לוֹיפְט נֶעגֶעטִיו, "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת" אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט קֶען עֶר טְרַאכְטְן גְרַאד וְכוּ'; וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז דֶער מֹחַ בְּרֵייט אָפְן אוּן נִישְׁט מְצוּמְצָם.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּיז אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן אִין אַלֶע מַיינֶע בֵּיינֶער אוּן אִין אַלֶע מַיינֶע אָדֶערְן, דִי שִׂמְחָה וֶועט קוּמֶען צוּ מַיינֶע פִיס אוּן אִיךְ וֶועל טַאנְצְן יֶעדְן טָאג פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז אִיךְ בִּין אִיד אוּן אַז אִיךְ קֶען טוּן דַיינֶע מִצְוֹת.

אָנָּא הַשֵּׁם אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הַרְחֵק מִמֶּנִּי אֶת הָעַצְבוּת וְהָעַצְלוּת, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט אוּן דִי פוֹילְקֵייט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה,

אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ אַלֵיין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ וֶועל זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ וֶועל אִיךְ נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר, בִּיז אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ זֶען נָאר דִיךְ, אִיךְ וֶועל גָארְנִישְׁט זֶען נָאר דִיךְ.

הֶעלְף מִיךְ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוּיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דוּ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר זַיין מִיט דִיר, אָמֵן סֶלָה״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דוּ הַאלְסְט נִישְׁט פוּן זִיךְ, דָאס לָאזְט נִישְׁט וַואקְסְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ הַנָּאָה יֶעצְט זוּמֶער וֶוען אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל דִיךְ צוּ זֶען, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ וֶועל זִיךְ נָאךְ מֶער פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי צוּם גְמָרָא שִׁיעוּר, עֶס אִיז אַ מְחַיֶּ' אָנְצוּהוֹיבְּן דֶעם טָאג מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא; אַלֶעס אִיז אַנְדֶערְשׁ, וַוייל מִיט תּוֹרָה אִיז דִי לֶעבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ, מֶען בַּאקוּמְט אַ רוּחַ חַיִּים דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, הוֹיבּ שׁוֹין אָן הַאלְטְן פוּן זִיךְ, בִּיסְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, בִּיסְט אַ גוּטֶער אִינְגֶערְמַאן, נָאר אֵיין חִסָּרוֹן הָאסְטוּ, אַז דוּ הַאלְסְט נִישְׁט פוּן זִיךְ, אוּן דָאס לָאזְט נִישְׁט וַואקְסְן.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים, שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים; וֶועסְט מִיךְ מְחַיֶּ' זַיין.

...

**אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אַרַיינְצוּקוּמֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אַרַיינְצוּקוּמֶען זִיךְ

דוּרְכְרֶעדְן, און די וָואךְ הָאב אִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וֶועלְט אַ גְרוֹיסֶע לִיסְטֶע פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן קוּמֶען; דַארְף מֶען מַאכְן עֶרְשְׁט צַייט פַאר דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין וֶועג צוּ פְרֶעגְן און זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן, אַנְדֶערֶע הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שׁוּם וֶועג נָאר דִי אֵיין מָאל אַ יָאר וָואס זֵיי בְּרֶעכְן זֵייעֶר בּוּשָׁה צוּ קוּמֶען; וִוי נִישְׁט וִוי, דוּ זֶעסְט מִיךְ יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל, דוּ הָאסְט וואו צוּ פְרֶעגְן דַיינֶע שְׁאֵלוֹת.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן צַייט פַאר עֶנְק מָארְגְן, נָאר זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת, וַוייל די וָואךְ הָאב אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן, מַיין קָאפּ הָאט מִיר אַסַאךְ גֶעשְׁוִוינְדְלְט, אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים דָאקְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן מַאכְן אֶפְשָׁר צַייט מָארְגְן פַאר עֶנְק.

...

## מַזָל טוֹב פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן דַיין טָאכְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם ת״ו

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וִויל דִיר וִוינְטְשְׁן אַ בִּרְכַּת מַזָל טוֹב פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן דַיין טָאכְטֶער דִי כַּלָה ... תִּחְיֶ׳. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי זִיווּג זָאל עוֹלֶה יָפֶה זַיין, זֵיי זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ לִיכְטִיגֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, און דוּ מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ זָאלְן זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער און בַּיי דִי אֵיינִיקְלֶעךְ, אָמֵן.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין און אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין זִיךְ צוּ טְרֶעפְן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

...

## אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ קְלַאזֶעט?

**אַ טִיטְשֶׁער פְּרֶעגְט:**

אִין דִי פְּלַאץ וואו אִיךְ אַרְבֶּעט הֵייסְן זֵיי מִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ קְלַאזֶעט אַ אִינְגְל מִיט וֶועם אִיךְ אַרְבֶּעט, וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן וַוארְפְן זַאכְן; זָאל אִיךְ עֶס טוּן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

חַס וְשָׁלוֹם אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ קְלַאזֶעט.

...

## אַ מָאטָארְסֵייקְל אִיז אַ סַכָּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר זָאלְסְט טְרֶעפְן שְׁנֶעל דַיין שִׁידוּךְ, דוּ זָאלְסְט שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אַ הֵיילִיג לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ דִי מָאטָארְסֵייקְל וָואס דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט; דוּ זָאגְסְט הָאסְט נִישְׁט גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אֵיידֶערְן קוֹיפְן, הָאסְט נִישְׁט גֶעוָואלְט בַּאקוּמֶען אַ 'נֵיין', אוּן יֶעצְט פְּרֶעגְסְטוּ אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ..., מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז דָאס אִיז אַ סַכָּנָה, אוֹיךְ קֶען מֶען נָאכְקוּקְן פְּרָאצֶענְטוּעֶל וִויפִיל וָואס פִירְן מָאטָארְסֵייקְלְס שְׁטַארְבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי וָואךְ אִיז אֵיינֶער גֶעשְׁטָארְבְּן נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה.

אִיךְ וִויל דִיר אַ חָתָן מַאכְן אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, טוּ נִישְׁט קֵיין סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן.

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען. קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אוּן הַאלְט אָן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ. מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן בְּלֶעטֶער גְּמָרָא. אוֹיךְ זָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים'.

אִיךְ וַוארְט צוּ גֵיין אוֹיף דַיינֶע שִׂמְחוֹת.

...

## אַ צַדֵיקֶת וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אֵיידְל?

**אַ פְּרוֹי פְרֶעגְט:**

אִיךְ וויל אַ נָאמֶען גֶעבְּן פַאר מַיין טָאכְטֶער אֵיידִי; אִיךְ הָאב לִיבּ דִי נָאמֶען, אָבֶער אִיךְ וויל נִישְׁט גֶעבְּן אַבִּי אַ נָאמֶען אִין דִי לוּפְט, וָואס טוּ אִיךְ? אִיז דָא אַ נָאמֶען פוּן אַ צַדֵיקֶת וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אֵיידְל?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

גֶעבְּט 'אָדְל' נָאךְ דִי צַדֵיקֶת אָדְל, דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס טָאכְטֶער, אוּן מֶען קֶען רוּפְן דִי קִינְד "אֵיידִי", וַוייל דָאס רוּפְן מִיט אַ זִיסֶע נָאמֶען אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה.

...

## זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבַּאי בֵּית הַמִדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דְחַסִידֵי בְּרֶסְלֶב**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה קוֹדֶם הַתְּפִלָּה: **"וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע שֵׁיין, הַארְצִיג, גֶעפִילִיש;** דָאס אִיז אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה אוֹיף וָואס מִיר דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַ גַבַּאי, אַ מְנַהֵל, אַ חַבֵר הַנְהָלָה, אוּן זִיכֶער אַ רַב, רֹאשׁ יְשִׁיבָה; דַארְף זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג; מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן אֲפִילוּ אָן כַּוָּונָה, בְּשׁוֹגֵג וּבְאוֹנֶס - זָאל קֵיינֶער נִישְׁט וֶוערְן וֵויי גֶעטוּן.

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אַ גַבַּאי דַארְף הַאלְטְן סֵדֶר, אַ מְנַהֵל דַארְף פִירְן דִי חֵדֶר, אַ חַבֵר הַנְהָלָה דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי קְהִילָה זָאל זִיךְ פִירְן רִיכְטִיג וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ צוּ רֶעדְן אָן גֶעפִילְן, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן.

וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן אָנֶעם רֶבִּי'ן, אָנֶעם רֶבִּי'ן זֶענֶען מִיר פַארְלוֹירְן, אָבֶער בָּרוּךְ ה' מִיר הָאבְּן דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אוֹיפְהֶער.

דֶער בְּרִיווּ הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מִיר, אִיךְ טְרַאכְט אַז דוּ וֶועסְט וֶוערְן מְחוּזָק פוּן דֶעם, שִׁיק אִיךְ דִיר דָאס.

...

## פָּאלְג אַלֶעס דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ נֶעמְסְט הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען לֶערְנֶען אִין בְּרֶסְלֶב וְכוּ'; עַקְשְׁן דִיךְ נִישְׁט, פָאלְג דַיינֶע עֶלְטֶערְן, גֵיי אִין דִי יְשִׁיבָה וואוּ זֵיי ווִילְן דוּ זָאלְסְט גֵיין.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; פָּאלְג אַלֶעס דִי יְשִׁיבָה, סַיי מִיט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין אוּן סַיי מִיט רֶעדְן מִיט דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין תְּכֵלֶת וְכוּ'; נִישְׁט דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל עִיקָר. אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיט דֶעם - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין מִיט דֶעם, דֶער עִיקָר פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אִיז צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט מִיט אַ גוּטֶע פְרֵיינְד, אוּן דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ אִיז זַיין פְרֵיילִיךְ; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**גְרוֹיסֶער חִילוּק אִין יָארְן בַּיי זִיווּג שֵׁנִי?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ גֶע'גֶט פְּרֶעגְט:**

אִיךְ בִּין פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁידוּךְ וָואס זִי אִיז אַלְט דְרַיי אוּן דְרַייסִיג יָאר, אָדֶער דָאס אִיז צוּ אַ גְרוֹיסֶע חִילוּק אִין יָארְן? יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

**אוֹיסְהֶערְן.**

...

**מִזְמוֹר לְתוֹדָה אִיז אַ סְגוּלָה פַאר גֶעבּוֹירְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס אַז דַיין וַוייבּ הָאט דִי יָאר צְוֵויי מָאל פַארְלוֹירְן וְכוּ', דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיסְטְרָאגְן וְכוּ'.**

**נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פוּן מִזְמוֹר לְתוֹדָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב), **מִזְמוֹר לְתוֹדָה אִיז אַ סְגוּלָה פַאר גֶעבּוֹירְן; דָאס הֵייסְט אַז מֶען זִינְגְט אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זִינְגְט אַ גַאנְצְן טָאג: "כִּי טוֹב הַשֵּׁם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, כִּי טוֹב הַשֵּׁם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ אוּנְז" - דָאס הֶעלְפְט מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיסְטְרָאגְן אוּן גֶעבּוֹירְן בְּנָקֵל וּבְנַחַת.**

**יֶעצְט פָארְן מִיר צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אוּמַאן, זַיין דָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וֶועסְטוּ זִיכֶער פּוֹעֵל'ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

## וֶוען אַ מֵיידְל קוּמְט נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג?

**אַ מְנַהֶלֶת פְּרֶעגְט:**

וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ מֵיידְל קוּמְט נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג; מֶען דַארְף זָאגְן עֶפֶּעס, אָדֶער נִישְׁט זֶען?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

מֶען דַארְף וִויסְן אוֹיבּ דִי מֵיידְל אִיז שׁוֹין גְרֵייט צוּ הֶערְן וְכוּ׳, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען קֶען זָאגְן - דַארְף מֶען דָאס אַיינְפַּאקְן מִיט אַסַאךְ גוּטְסְקֵייט אוּן וַוארֶעמְקֵייט.

...

## רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

...

מַזָל טוֹב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי בְּרִית זָאל זַיין אִין צַייט אוּן עֶנְק זָאלְן מְגַדֵּל זַיין דָאס קִינְד לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע וְכוּ׳; זָאגְט אַייעֶר מַאן אַז עֶס וֶועט אַייךְ זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען צוּ דִי בְּרִית מִיט אַ שֵׁייטְל וֶוען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט אַז אִיר הָאט אוֹיסְגֶעטוּן דִי טִיכְל אוּן אָנְגֶעטוּן אַ שֵׁייטְל, זָאגְט אַייעֶר מַאן אַז עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ צֶעשְׁטֶערְן דִי שִׂמְחָה, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן עֶנְק אַרִיבֶּערְגֵיין אֵיין טָאג צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זָאגְן אַז עֶנְק ווילְן נִישְׁט מְצַעֵר זַיין, עֶנְק הָאבְּן דָאס גֶעטוּן מִיט דַעַת תּוֹרָה, עֶנְק זֶענֶען עֶרְלִיךְ, עֶנְק ווִילְן נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיינֶעם.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶנְק וֶועלְן רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט, עֶס וֶועט נִישְׁט וֶוערְן קֵיין מַחֲלֹקֶת.

...

## נִישְׁט אָפְּלַאכְן פוּן וָואס מֶען רֶעדְט אִינֶעם מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַז דַיין ווילְן אוּן דַיין וַוייבְּ'ס ווילְן אִיז צוּ זַיין גוּט - וֶועלְן מִיר אָנְנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער אִין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, וַוייל אוֹיבּ מֶען וויל זַיין גוּט, עֶס אִיז נָאר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ טוֹישְׁן וְכוּ' וְכוּ' - אִיז גוּט, בַּיים סוֹף וֶועט מֶען זַיין גוּט אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זַיין גוּט.

אָפְּלַאכְן - דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, שְׁפֶּעטְן פוּן וָואס מֶען רֶעדְט אִין דִי מוֹסָד - דָאס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ.

לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין קוּמֶען דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל אַלֶע דְרַיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן אַז דוּ בִּיסְט פַארְשְׁלָאפְן, עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קֵיין מִנְיָן - זָאלְסְטוּ נָאכְלַאפְן גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען.

אוֹיךְ אִיז גוּט זָאלְסְט הָאבְּן אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא, אָדֶער גְּמָרָא אָדֶער הֲלָכָה, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין לַאנְג, אֲפִילוּ נָאר אַ פָּאר צֶען פוּפְצְן מִינוּט.

...

## עֶס אִיז גוּט צוּ זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז גוּט צוּ זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט, אַזוֹי וֶועט אִיר זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת; אַז מֶען הָאט לֵיידִיגֶע צַייט, מֶען אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען - דֶעמָאלְט קוּמֶען זֵיי שְׁטֶערְקֶער. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעְמוּם", גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ דֶעפְּרֶעסְיֶע.

עֶפְּנְט אַ פְּלֶעי גְרוּפּ אָדֶער אַ בֶּעבִּי סִיטִינְג, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין פַארְנוּמֶען דוּרְכְן טָאג. אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, בֶּעטְס

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, שְׁמוּעֶסְט אוֹיס אַייעֶר הַארְץ, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶֹעןעֶן אִין אַייךְ, אוּן בֶּעטְס אִים פַאר יִשּׁוּב הַדַעַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה אִין ...., אִיךְ הָאבּ דָארְט בַּאגֶעגְנְט דַיין זֵיידֶע, הָרַב....

עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גְרוֹיס נַחַת פוּן דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אִין יְשִׁיבָה, עֶר זֶעט ווִי דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ, עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר וַוארֶעם אָנְגֶעוּוִינְטְשְׁן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; לֶערְנֶען מֵיין אִיךְ צוּ זָאגְן זָאלְסְט 'זָאגְן' מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ צַדִיק, אוֹיךְ וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת, וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ אוּן הָאבְּן הַצְלָחָה.

אַ זִיסֶע יָאר.

...

## לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, אוּן שְׁפִּילְן מִיט זֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיים לֶערְנֶען גְּמָרָא הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס קֶען זַיין אַ גוּטֶע חִיזּוּק וְהַדְרָכָה פַאר מְלַמְּדִים.

דִי גְּמָרָא דֶערְצֵיילְט (עֲבוֹדָה זָרָה ג:) דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס סֵדֶר הַיּוֹם, דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי שָׁעָה פוּן טָאג לֶערְנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער תּוֹרָה, דִי צְוֵוייטֶע דְרַיי שָׁעָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַן דִי וֶועלְט מִיט גְרוֹיס רַחְמָנוּת, דִי דְרִיטֶע דְרַיי שָׁעָה שְׁפַּייזְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן דִי לֶעצְטֶע דְרַיי שָׁעָה ״יוֹשֵׁב וּמְשַׂחֵק עִם לִוְיָתָן״, כִּבְיָכוֹל עֶר הָאט אַ שְׁפִּיל מִיט דִי לִוְיָתָן; פְרֶעגְט דִי גְמָרָא, אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ זֶעעֶן מִיר אַז דִי לֶעצְטֶע דְרַיי שָׁעָה - ״יוֹשֵׁב וּמְלַמֵּד״, לֶערְנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן?! דִי גְמָרָא עֶנְטְפֶערְט צְוֵויי תֵּירוּצִים, דִי צְוֵוייטֶע תֵּירוּץ אִיז: ״הָא וְהָא עָבֵיד״, עֶר טוּט בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז דָאס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער דַארְף צוּ גֵיין אוֹיף דִי וֶועג פוּן ״הָא וְהָא עָבֵיד״, דֶער מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ אוֹיךְ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, אַזוֹי וִוי כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, ״יוֹשֵׁב וּמְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, וְיוֹשֵׁב וּמְשַׂחֵק עִם לִוְיָתָן״.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נֶעמֶען דֶעם בְּרִיוו אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, סֵיי לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים גְּמָרָא, אוּן סַיי גֵיין מִיט זֵיי שְׁפִּילְן. מוֹהַרָא״שׁ אָמַר לִי בְּפֵירוּשׁ, דִי בָּחוּרִים זָאלְן שְׁפִּילְן, דִי בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן, אָבֶער נָאכְדֶעם אוּן פַארְדֶעם זָאלְן זֵיי לֶערְנֶען פְלַייסִיג שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא וַהֲלָכָה.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת דָאס צוּ אִיבֶּערְגֵיין אוּן אִיבֶּערְלֵיינֶען כְּאִילוּ עֶס אִיז אַ נַייעֶ בְּרִיוו, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט דָאס קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין.

...

### ווִי טְרֶעפְט מֶען אַ צַדִּיק צוּ מַאכְן וִידוּי דְבָרִים?

**אַ תַּלְמִיד פְרֶעגְט:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז זִיכֶער אוֹיךְ דָא צַדִיקִים, אוּן נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועגְן ווִדוּי דְבָרִים אַז וואוּ קֶען מֶען הַיינְט טְרֶעפְן אַ צַדִיק? וֶועגְן דֶעם גֵייט מֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן דָארְט מַאכְט מֶען וִידוּי דְבָרִים; אִיז דָא צַדִיקִים הַיינְטִיגֶע צַייטְן אָדֶער נִישְׁט?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

אַוַדַאי אִיז דָא צַדִיקִים הַיינְט; נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אַז אִין יֶעדֶע דוֹר אִיז דָא צַדִיקִים, אָבֶּער מֶען דַארְף זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דִי צַדִיקִים אוּן קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי אוּן זִיךְ קֶענֶען מִתְוַדֶה זַיין פַאר זֵיי.

...

### נַייֶע אַלְבּוּם "וָואס אִיז אַ רֶבִּי?"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ עֶנְדִיגְסְט אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי אַלְבּוּם מִיטְן נָאמֶען "וָואס אִיז אַ רֶבִּי?"

דָא הָאסְטוּ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי נִיגוּן פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט (חוּמָשׁ הֵיכַל הַבְּרָכָה שְׁמוֹת מ, יח; וְעוֹד), אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאקְט זַיין קָאפּ אִין וַואלְד אִין אַ בּוֹים אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן זַיין רֶבִּי'ס אַזוֹי ווִי דִי בְּלֶעטְלֶעךְ פוּן בּוֹים וָואס וֶועלְן פַארְפִירְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער".

אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֱלִיעֶזֶר בְּרֶענְגְט (דִּבְרֵי תּוֹרָה מַהֲדוּרָה תִּנְיָנָא, אוֹת

טו) : "עֶס וֶועלְן זַיין רֶבִּי׳ס אַזוֹי וִוי יָאק מָאק, וָואס וֶועלְן צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה"; 'יָאק מָאק' מֵיינְט שׁוּמְשׁוּם, אַזוֹי סַאךְ רֶעבִּי׳ס וִוי בְּרֶעקְלֶעךְ סֶעסֶעמִי.

וָואס אִיז אַ רֶבִּי, וָואס מֵיינְט אַ רֶבִּי, פַארְוָואס דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ רֶבִּי ?

וָואס אִיז אַ צַדִיק, וָואס מֵיינְט אַ צַדִיק, פַארְוָואס דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק ?

אַ צַדִיק גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער זִיךְ צוּקְלֶעבְּן.

דֶער צַדִיק גֶעבְּט אַ שְׁטוּפּ, וואוּ מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

אַ צַדִיק וַוייזְט אַ וֶועג, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַלֶע טֶעג,

לֶערְן חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג פוּן וָואךְ, כַּאפּ אַרַיין מִשְׁנָיוֹת נָאךְ אוּן נָאךְ.

וֶוען מֶען מַאכְט בִּיזְנֶעס, וֵוייסְט מֶען זֵייעֶר גוּט, מֶען מוּז פַארְדִינֶען יֶעדֶע מִינוּט.

מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, מֶען מוּז זֶען קְלָאר, וָואס הָאבּ אִיךְ פַארְדִינְט, פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם, אִיז אַרַיין אַמָאל אִין וַואלְד, אוּן נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען בַּאלְד.

דִי גֶעטְרַייעֶ חֲסִידִים, גֶעטְרַייעֶ תַּלְמִידִים, גֵייעֶן קוּקְן וִוי דֶער רֶבִּי הַאלְט.

זֶעעֶן זֵיי אַ שְׁרֶעקְעֶדִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי שְׁרֵייט אוּן וֵויינְט אוּן עֶר קָאכְט.

עֶר הַאקְט אַרַיין זַיין קָאפּ אִין אַ בּוֹים, זֵיי שְׁטֵייעֶן דָארְט פַארְגַאפְּט אוּן עֶרְשְׁטוֹינְט.

הָאבְּן זֵיי דֶעם רֶבִּי׳ן גֶעפְרֶעגְט, וָואס הָאבְּן מִיר דָא מִיטְגֶעלֶעבְּט,

וָואס אִיז דִי וֵויינֶען אוּן שְׁרַייעֶן, אוּן הַאקְן קָאפּ, וָואס טוּט דָאס מֵיינֶען ?

עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק, אִיךְ קוּק אוֹיף פָארְאוֹיס אִיךְ הָאבּ אַ וַוייטְן בְּלִיק.

עֶס וֶועלְן זִיךְ פַארְמֶערְן, רֶבִּי׳ס וִוי דִי שְׁטֶערְן, אֲפִילוּ "יָאק מָאק", וֶועט אוֹיךְ אַ רֶבִּי וֶוערְן.

עֶס טוּט מִיר וֵויי, וֵויין אִיךְ אוּן אִיךְ שְׁרֵיי, אִיךְ שׁוֹין יֶענֶעם דוֹר, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי,

וִוי קֶען מֶען זַיין חֲסִידִ'ישׁ, אוּן גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס טִישׁ, אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט גְמָרָא אוּן קֵיין חוּמָשׁ,

וִוי זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, וִוי זָאל אִיךְ נִישְׁט קְלָאגְן

אִיךְ קֶען נִישְׁט דִי צַעַר דוּרְכְטְרָאגְן.

אַז עֶס קֶען זַיין אַ רֶבִּי, וָואס גֶעבְּט נִישְׁט דִי חֲסִידִים,

אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט אַפָּאר פְּסוּקִים.

עֶס גֵייט אַוֶועק דִי טֶעג, עֶס גֵייט אַוֶועק דִי יָאר,

דֶער חָסִיד רִירְט זִיךְ נִישְׁט, אֲפִילוּ אֵיין הָאר.

מֶען רֶעדְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אַיין, אוּנְז זֶענֶען דִי עֶכְטֶע,

אָבֶּער נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט, אֲפִילוּ אֵיין מַסֶכְתָּא.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מַאכְן סִידִיס צוּ הֵיילְן דִי בַּת מֶלֶךְ, דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְן בֶּעטְלֶערְס: "אוּן אִיךְ הֵייל זֵי", מִיט דִי כֹּחַ הַנְּגִינָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מְסִירַת נֶפֶשׁ פַארְן ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, טוֹיזְנְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי בְּרִיוו פוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת אוּן פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט דֶערְצֵיילְט בַּיי דִי סְעוּדַת בְּרִית פוּן מַיין זוּן הֶערְשְׁל נֵרוֹ יָאִיר. דִי בְּרִית אִיז

גֶעוועֶן אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִין שׁוּל, דֶער מוֹהֵל אִיז גֶעוועֶן מַיין פֶּעטֶער, מַיין שְׁוֶוער'ס בְּרוּדֶער, הָרַב דָּוִד מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א דֶער וַוייטְצֶענֶער רָב. דִי בְּרִית אִיז גֶעוועֶן מָאנְטָאג פַּרְשַׁת דְּבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב, שְׁנַת תשע"ד. דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט עֶלְף יָאר צוּרִיק, אוּן וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה – קוּמְט מִיר צוּ וַויינֶען פוּן הִתְרַגְּשׁוּת, פוּן דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד ווִי אַ פְּרוֹי זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט אַ קִינְד אוֹיפְן שׁוֹיס מִיט אַ מֶעסֶער אִין הַאנְט, אוּן ווִי אַ נַאצִי שְׁטֵייט מִיט רְצִיחָה מִיט אַן אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטְן בִּיקְס. אוֹיךְ זָאל מֶען זֶען אִין דֶער זַייט מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גֶעשְׁטְרֵייפְּטֶע קְלֵיידֶער, אוּן אוֹיךְ זָאל מֶען זֶען דִי שְׁטֶעכֶעדִיגֶע דְּרָאטְן, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוועֶן אִין לַאגֶער.

דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה:

דִי פְּרוֹי הַאלְט אַ זֶעקֶל מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס לִיגְט אִין דִי זֶעקֶל, עֶפֶּעס אַ סוֹד הַאלְט זִי דָארְט, זִי גֵייט שְׁטִילֶערְהֵייט צוּ צוּם בְּלָאזוֹבֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אוּן זִי פְּרֶעגְט אִים עֶפֶּעס שְׁטִילֶערְהֵייט, דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין רֶעוָואלְוֶוער אוּן פְּרֶעגְט דֶעם רָב: "זָאגְט מִיר שׁוֹין יֶעצְט וָואס פַאר אַ סוֹדוֹת עֶנְק רֶעדְן דָא, אַז נִישְׁט וֶועל אִיךְ עֶנְק שִׁיסְן".

דֶער רָב עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם רָשָׁע אַז דִי פְּרוֹי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ מֶעסֶער, "אַ מֶעסֶער? וָואס דַארְף זִי אַ מֶעסֶער?!" דֶער נַאצִי נֶעמְט אַרוֹיס זַיין מֶעסֶער אוּן גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְּרוֹי, דֶער נַאצִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי פְּרוֹי ווִיל טוּן מִיט דִי מֶעסֶער, זִיכֶער ווִיל זִי זִיךְ אַלֵיינְס שֶׁעדִיגְן, אָבֶּער קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט? וֶוער וֵוייסְט וָואס לִיגְט אִין דִי זֶעקֶל אוּן וֶוער וֵוייסְט פַארְוָואס דִי פְּרוֹי ווִיל אַ מֶעסֶער?

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִין דִי צַייטְן פוּן דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען דִי דַייטְשֶׁע רוֹצְחִים הָאבְּן אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט אַלֶע אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה. אַ פְּרוֹי הָאט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד אִין לַאגֶער, אַ זִיסֶע לִיכְטִיגֶע אִינְגֶעלֶע בֶּעבִּי, דִי פְּרוֹי הָאט בַּאהַאלְטְן דִי קִינְד אִין אַ זֶעקֶל אַז דִי

נאצִיס זָאלְן אִים נִישְׁט זֶען, און וֶוען דִי פְרוֹי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען גֵייט אִיר שׁוֹין כִּמְעַט הַרְגְ'עֶנֶען מִיט אִיר זִיסֶע לִיכְטִיגֶע אִינְגְל בֶּעבִּי, הָאט זִי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מַאכְן אַ בְּרִית פַארְן קִינְד, און דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אַ מֶעסֶער פוּנֶעם רָב, זִי הָאט גֶעוָואלְט אִיר קִינְד זָאל זַיין גֶע'מַל'עט אֵיידֶער עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט.

וֶוען דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ הָאט גֶעגֶעבְן דִי מֶעסֶער פַאר דִי פְרוֹי הָאט דִי פְרוֹי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, גֶעעֶפְנְט דִי זֶעקְל און גֶעגֶעבְן אַ שְׁרֵיי: "בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַכְנִיסוֹ בִּבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", און גֶעמַאכְט דִי בְּרִית, און וֶוען דֶער נַאצִי הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר גֶעשׁוֹימְט פַאר כַּעַס, עֶר הָאט שִׁיעוּר נִישְׁט פַארְלוֹירְן זַיין אָטֶעם; דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, אַז דֶער אִיד אִיז אַזַא עַקְשָׁן, דֶער אִיד אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי אֱמוּנָה, עֶר דִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

עֶר הָאט גֶעכַאפְּט זַיין רֶעוָואלְוֶוער און זֵיי בֵּיידֶע גֶעשָׁאסְן צוּם טוֹיט, דִי מַאמֶע מִיט אִיר נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְד, און זֵייעֶר נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל צוּם הֶעכְסְטְן פְּלַאץ, בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד, מִיט אַלֶע זֶעקְס מִילְיָאן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער וִוי אִיז דָא נָאךְ אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ וִוי אַ אִיד וָואס ווִיל גָארְנִישְׁט, דֶער אִיד אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. לָאמִיר אַלֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "חַנּוּן הַבִּיטָה מִמְּרוֹמִים", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק אַרָאפּ פוּן הִימְל און זֶע - "תִּשְׁפֹּכֶת דַּם הַצַּדִּיקִים" דָאס פַארְגָאסֶענֶע בְּלוּט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "וְתַמְצִית דָּמִים", און ווִי מֶען קֶוועטְשְׁט אוּנְז אוֹיס אוּנְזֶער בְּלוּט, "תִּרְאֶה בְּפַרְגּוֹדְךָ וְהַעֲבֵר כְּתָמִים, אֵל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מוֹחֵל זַיין מַיין טַאטֶע?

**אַ פְּרוֹי פְּרֶעגְט:**

יֶעדֶעס יָאר פַאר יוֹם כִּיפּוּר פְּרֶעגְט מִיר מַיין טַאטֶע אוֹיב אִיךְ בִּין אִים מוֹחֵל, "אוֹיב עֶר הָאט מִיר אֶפְשָׁר אַמָאל וֵויי גֶעטוּן", אִיךְ זָאג אִים אַלְץ אַז יָא, אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז אִיךְ בִּין אִים נִישְׁט מוֹחֵל; קֶען אִיךְ אִים זָאגְן דֶעם אֱמֶת?

עֶר הָאט גֶעמַאכְט מַיין לֶעבְּן פַאר אַ גֵיהִנּוֹם, זַייט אִיךְ קֶען נָאר גֶעדֶענְקֶען, עֶר הָאט מִיךְ אַסַאךְ גֶעשְׁלָאגְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן.

וֶוען עֶר פְּרֶעגְט מִיר דָאס יָאר, קֶען אִיךְ אִים זָאגְן אַז אִיךְ בִּין אִים נִישְׁט מוֹחֵל?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

זַייט מוֹחֵל אַייעֶר טַאטֶע וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי וֵוייטָאג וָואס אִיר הָאט זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר הַארְץ.

וּבִזְכוּת וָואס אִיר זֶענְט מוֹחֵל וֶוער עֶס הָאט אַייךְ וֵויי גֶעטוּן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ מוֹחֵל זַיין.

...

## כַּוָּנוֹת הַנַּעֲנוּעִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע וִוי עֶס פְלַאקֶערְט אִין דִיר הַֽחְפָּצָה, וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מַאכְן פוּן דֶעם בְּרִיוו קְלֵיינֶע קַארְטְלֶעךְ (נִישְׁט גָאר קְלֵיין), אוּן דָאס אוֹיסְטֵיילְן אִין אַלֶע שׁוּלְן. אוֹיבְּן זָאל שְׁטֵיין אִין גְרוֹיס: "כַּוָּנוֹת הַנַּעֲנוּעִים", אוּן אוּנְטֶער דֶעם - דִי כַּוָּנוֹת וָואס מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן בַּיים שָׁאקְלֶען, בַּיי דִי נַעֲנוּעִים.

וֶוען מֶען שָׁאקְלְט צוּ רֶעכְטְס (דָּרוֹם) - הָאט מֶען אִינְזִין: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל

עוֹלָם, אִיךְ וִויל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט, אַלֶעס גֵייט רֶעכְטְס - אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר'.

וֶוען מֶען שָׁאקְלְט צוּ לִינְקְס (צָפוֹן) - בֶּעט מֶען: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן לִינְקְס - אִיז עֶס אוֹיךְ דוּ'.

וֶוען מֶען שָׁאקְלְט צוּ פָארְנְט (מִזְרָח) - בֶּעט מֶען: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וֶוען אַלֶעס גֵייט וִוי גֶעפְּלַאנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט מַיין גֶעלוּנְגֶענְקֵייט, נָאר אַלֶעס אִיז פוּן דִיר בַּאשֶׁעפֶער'.

וֶוען מֶען שָׁאקְלְט אַרוֹיף צוּם הִימְל (מַעְלָה) - בֶּעט מֶען: 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, הֵייבּ מִיךְ אוֹיף צוּ דִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן'.

וֶוען שָׁאקְלְט אַרָאפּ (מַטָּה) - זָאל מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, קוּם מִיט מִיר מִיט, לָאז מִיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן גֶעפַאלְן, הֵייבּ מִיךְ אוֹיף, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וֶוען מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף פַארְקֶערְט (מַעֲרָב) - בֶּעט מֶען: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען אַלֶעס גֵייט מִיר פַארְקֶערְט וִויל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה'.

מַאךְ הַארְטֶע קַארְטְלֶעךְ, שֵׁיינֶע גְרֶעפִיקְס, גֶעפִּינְטְלְט, און פוּן אוּנְטְן זָאל שְׁטֵיין דִי הַאטְלֵיין נוּמֶער, און גֶעב עֶס פַאר אַלֶע מְפִיצִים פוּן אַלֶע שְׁטֶעט, זֵיי זָאלְן דָאס אוֹיסְלֵייגְן אִין דִי שׁוּלְן.

דְרוּק עֶס בַּיי אוּנְזֶער קֶרֶן הַדְפָּסָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### זִיךְ זַייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ דַארְף אַ גְרוֹיסֶע נֵס, אִיךְ מוּז בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט בֶּעטְן פַאר מִיר. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אוֹיךְ, אָבֶער תְּפִילוֹת קֶענְסְטוּ מִיר גֶעבְן, אוּן אוֹיךְ קֶענְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט; מִיר הֶעלְפְן קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אַלֶע זָאלְן הָאבְן אוֹיף יוֹם טוֹב.

גֶעב זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן כַּעַס - בְּעִיקָר אִין שְׁטוּב; דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וֶוערְט מְשׁוּגָע יֶעצְט וֶוען אִידְן טוּעֶן תְּשׁוּבָה, עֶר זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן וִוי זַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט גֵייט לְטִמְיוֹן, דֶערִיבֶּער זוּכְט עֶר מִיט אַלֶע וֶועגְן וִוי עֶר קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין כַּעַס, אִים אַוֶועקְנֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זַייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס, בִּפְרָט אִין שְׁטוּב אוֹיף דַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דַיין קוֹל צוּ שְׁרֵייעֶן חַס וְשָׁלוֹם, רֶעד שְׁטִיל, רֶעד וֵוייךְ, רֶעד הַארְצִיג, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### שֶׁעצְן דֶעם מַאן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר אִיז

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת יוֹאֵל

נָאכְדֶעם וָואס עֶנְק זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט גוּט, עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זַייעֶר נִישְׁט גוּט; אִיךְ הָאבּ שְׁפֶּעטֶער גֶערֶעדְט מִיט אַייעֶר מַאן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּ מִיר אַז עֶר וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ מִיט דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן

נִישְׁט וֶוערְן פַארְוָואגְלְט; ווייל אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט פְּרוּבִּירְן צוּ טוּישְׁן אֵיין זַאךְ פוּן אַייךְ, דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אִיר רֶעדְט צוּ אִים, אוּן אֲפִילוּ עֶר טוּט גֶעפֶערְלִיכֶע זַאכְן - זָאלְט אִיר רֶעדְן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען רַאטֶעוֶוען דִי שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר אַפָּאר בְּרִיוו פוּן אוּנְזֶער זֵיידֶע ר׳ חַיִּים מֶענְדְל כֹּהֵן עָלָיו הַשָּׁלוֹם, ווִי עֶר שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶע פוּן דִי טֶעכְטֶער (קֶען זַיין גָאר פַאר ...): "עֶס אִיז דָא אַ פַאלְשֶׁע טָעוּת בַּיי פְרוֹיעֶן, אַז דָאס עִנְיָן פוּן הַאלְטְן בְּכָבוֹד דֶעם מַאן - אִיז שַׁיָּיךְ נָאר וֶוען עֶר אִיז אַ בַּאוואוּסְטֶער תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַן אָנְגֶעזֶעעֶנֶער פֶּערְזָאן אִין גַאס, וָואס מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אִים כָּבוֹד, אָבֶּער אַז אִיר גוֹרָל אִיז צוּ הָאבְּן אַ מַאן אַן אִישׁ פָּשׁוּט וְכוּ׳, פַאר אַזַא מַאן הַאלְט נִישְׁט דִי פְרוֹי וויכְטִיג אִים צוּ גֶעבְן אַ גֶעהֶעריגְן כָּבוֹד, אָדֶער ווִי דֶער רַמְבַּ"ם הֵייסְט (פֶּרֶק טו מֵהִלְכוֹת אִישׁוּת, הֲלָכָה כ), עֶר זָאל זַיין חָשׁוּב בַּיי אִיר ווִי אַ שַׂר אָדֶער אַ מֶלֶךְ אִין שְׁטוּבּ.

אַזַא הַשְׁקָפָה אִיז פַאלְשׁ, דִי פְרוֹי דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז דֶעם כָּבוֹד וָואס דִי תּוֹרָה פַארְלַאנְגְט פוּן אִיר זִי זָאל גֶעבְן אִיר מַאן - וֶוערְט נִישְׁט גֶעמָאסְטְן לוֹיט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אִיר מַאן, קֶען עֶר זַיין סַיי וָואס אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה עֶר אִיז, לִיגְט אוֹיף דִי פְרוֹי דֶער פְלִיכְט אִים מְכַבֵּד זַיין אוּן אִים שֶׁעצְן - נִישְׁט וֶועגְן קֵיין שׁוּם זַאךְ - נָאר ווַייל עֶר אִיז אִיר מַאן, אוּן דִי פְרוֹי פוּן אַזַא מַאן וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר וָואס אַ פְרוֹי וָואס הָאט אַ צַדִּיק מְפֻרְסָם פַאר אַ מַאן, ווַייל דִי פְרוֹי דַארְף ווִיסְן אוּן זַיין קְלָאר אַז דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן דִי פְרוֹי מֶעסְט זִיךְ נָאר לוֹיט ווִי זִי הַאלְט בְּכָבוֹד אִיר מַאן; מֶעג דִי פְרוֹי זִיךְ הַאלְטְן פַאר אַ צַדֶּקֶת, פַאר אַ קְלוּגֶע, אַ גֶעבִּילְדֶעטֶע, אַ מְיֻחֶסֶת; אוֹיבּ זִי אִיז נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד פַאר אִיר מַאן, סַיי וָואס אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה עֶר אִיז קֶעגְן אִיר - אִיז דִי פְרוֹי אָפְּגֶעזֶען בַּיי יֶעדְן, אוּן אַלֶע אִירֶע צִדְקוֹת אוּן פֶעאִיגְקֵייטְן גֵייט אִין רוֹיעֶךְ וְכוּ׳".

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ קָאפִּי פוּנֶעם בְּרִיוו פוּן אוּנְזֶער זֵיידֶע ר׳ חַיִּים מֶענְדְל, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס וֶועט זַיין פַאר אַייךְ אַ חִיזּוּק.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט אַייעֶר מַאן, אִיךְ וֶועל אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל

גָארְנִישְׁט טוֹישְׁן פוּן דִי מְסוֹרָה, עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין קֵיין רִיר פוּן וָואס מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, עֶר זָאל נָאר נֶעמֶען פוּן בְּרֶסְלֶב דִי חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל, אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן עֶר זָאל זִינְגֶען שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם שְׁטֵייעֶדִיג נִישְׁט זִיצֶעדִיג, אוּן זִיצְן בַּיי דִי סְעוּדָה מִיט אַ שְׁטְרַיימְל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַ תִּיקּוּן פַארְן מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָארְט אוּן צוּ אַלֶע תִּיקּוּנִים.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, גֵיי אִין דִי שׁוּלְן אוּן אִין דִי שְׁטִיבֶּער אוּן בַּיי שִׂמְחוֹת, אוּן וואוּ מֶען קֶען אַלְץ גֵיין, נֶעם דָאס פַאר הַכְנָסַת כַּלָּה. עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מַאכְן חֲתוּנָה אוּן הָאבְּן נִישְׁט, וְאֵין בְּיָדָם לְפוּרְטָה אֲפִילוּ שָׁוֶה פְּרוּטָה; דָאס וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן פַאר דִיר. עֶס שְׁטֵייט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַז גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַ תִּיקּוּן פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶס רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן עֶס בְּרֶענְגְט צוּ זִכּוּךְ הַנֶּפֶשׁ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דַיין סֵדֶר הַיּוֹם, גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי, אוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ טוּן אִינְדֶערְפְרִי, מִיט אַ קְלָארֶע רֵיינֶע מֹחַ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין בְּחוּרֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

...

## אַלֶעס זָאל זַיין אָפְן, מֶען זָאל אַלֶעס קֶענֶען זֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ ווִיל דִיר דַאנְקֶען בְּשֵׁם כָּל הַקָּהָל וּבְשֵׁם כָּל הַחֲבוּרָה פַאר דִי הֶערְלִיכֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דוּ מִיט דַיינֶע מִיט הֶעלְפֶערְס הָאבְּן אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אוּמַאן. אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדוֹת, מִיט דִי צִימֶערְן צוּ שְׁלָאפְן, מִיט דִי פֵיינֶע הֵייסֶע מִקְוֶה, מִיט דִי זוֹיבֶּערְקֵייט, מִיט דִי שְׁמִירָה, מִיט דִי וַואסֶער, מִיט אַלֶעס אַלֶעס. בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, בִּזְכוּת הַמִּצְוָה הַזֹּאת - זָאלְסְטוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת, יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע וָואס הָאבְּן דִיר גֶעהָאלְפְן, אַ זִיס יָאר פַאר עֶנְק אַלֶע.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן זָאלְסְט אוֹיסְרַייסְן אַלֶע בֵּיימֶער צְווִישְׁן אוּנְזֶער בִּנְיָן אִינֶעם שֶׁטַח וואוּ מֶען גֵייט בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הַגָּדוֹל, אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג מִיט דִי שֶׁטַח, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְן צוּ זֶען דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן דָארְט וְכוּ׳. מִיר לֶערְנֶען טַאקֶע מִיט דִי קִינְדֶער קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, אָבֶּער דָאךְ ווִיל אִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין אֵיין ווִינְקְל וואוּ מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אִיךְ ווִיל אַלֶעס זָאל זַיין אָפְן, מֶען זָאל אַלֶעס קֶענֶען זֶען.

בַּאנַיי זִיךְ צוּרִיק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, תשפ״ו - תְּ׳הֵא שְׁ׳נַת פְּ׳רִישׁ וֶ׳ועֶרְן, וֶוער אַ פְּרִישֶׁער מְקוּרָב.

...

## ווייטֶער מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֵיי צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן צוּ דַיינֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס - זֵיי זָאלְן דִיר אָנְווִינְטְשְׁן, אוּן אַז מֶען וֶועט דִיר אַרַיינְזָאגְן וֶועגְן אוּמַאן וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם עֶנְטְפֶערְן. גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע, מִיט

אַ טַאטֶע מַאמֶע טַעְנָה׳ט מֶען נִישְׁט. אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, דוּ וֶועסְט זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין, אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייטֶער קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, וְסוֹף הַכָּבוֹד לָבוֹא.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וֶועט זַיין בַּיי דִיר, מוֹהַרְנַ"ת הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן זַיין טַאטֶע, זַיין טַאטֶע הָאט אוֹיפְגֶעהֶעצְט זַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ גֶט׳ן פוּן רֶבִּי נָתָן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגְן, עֶר הָאט וַוייטֶער מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין טַאטֶע. אַלֶעס וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט הָאט עֶר גֶעפָאלְגְט, אָבֶּער דֶעם רֶבִּי׳ן הָאט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט. בִּיז שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן׳ס טַאטֶע זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן אִים רוּפְן מִיט אַ טִיטְל ר׳, וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ אַ טַאטֶע רוּפְט נִישְׁט אַן אֵייגְן קִינְד ר׳; עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן דִיר, דוּ בִּיסְט מִיךְ אַזוֹי מְכַבֵּד, דֶערִיבֶּער רוּף אִיךְ דִיר מִיט אַ טִיטְל ר׳".

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין וִיכּוּחִים מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, גֵיי אַרִיבֶּער צוּ זֵיי, בֶּעט זֵיי אִיבֶּער, בֶּעט זֵיי זֵיי זָאלְן דִיךְ בֶּענְטְשְׁן, אוּן אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ זָאלְסְטוּ שְׁטִיל בְּלַייבְּן, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס אִיז בְּרֶסְלֶב אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט? פַארְוָואס רֶעדְט מֶען אוֹיפְן רֶבִּי׳ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים אַזֶעלְכֶע לָשׁוֹן הָרָע?"**

בְּרוּדֶער אַזוֹי מוּז זַיין, אוֹיף צַדִּיקִים רֶעדְט מֶען אוּן מֶען שְׁפֶּעט, אוֹיף אַלֶע אֶמֶת׳עֶ צַדִּיקִים אִיז גֶעוֶוען לֵיצָנוּת. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ב, ח): "אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵצָנִים", אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא לֵצִים; אַלֶע צַדִּיקִים הָאט מֶען גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף זֵיי, אוּן דָאס דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אַלֶע מְקוֹרָבִים, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען שְׁפֶּעט, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי׳ן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז׳ - מְזְבוּב וְעַכָּבִישׁ) וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן מִיט זַיין נְשָׁמָה אֵיידֶער זִי אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט

גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי און זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען און שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט און גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה", מוֹהֲרַאנַ"שׁ זָאגְט אַז דִי עֵצָה זַייעֶרֶע אִיז לֵיצָנוּת; מֶען שְׁפֶּעט פוּן רֶבִּי'ן און פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים. דָאס אִיז דִי עֵצָה וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּרְכְדֶעם הַאלְטְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אָפּ פוּן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן.

אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְגֵיין צוּ זֵיי, דוּ וֶועסְט זֵיי רוּפְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן ווִי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט - וֶועלְן זֵיי אָפְּלָאזְן דִי מִלְחָמָה, און עֶס קֶען זַיין אַז זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן. לַאךְ נִישְׁט, ווייל עֶס זֶענֶען דָא מַעֲשִׂיּוֹת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווִי דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אָנְהֵייבּ מִתְנַגְדִים - זֶענֶען שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן און גֶעוָוארְן תַּלְמִידִים בַּיים רֶבִּי'ן.

זַיי זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה און אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דֶער מַאן אִיז אִין אַן אָרְגָאנִיזַאצְיֶע פוּן חֶסֶד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיר דַארְפְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אַייעֶר מַאן גֵייט אִין אַן אָרְגָאנִיזַאצְיֶע פוּן חֶסֶד, אֲפִילוּ עֶס וֶועט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן זַיין אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וֶועט עֶר

זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט גוּטֶע זַאכְן. וַוייל וִויסְן זָאלְט אִיר, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ זַאךְ וִוי דָארְט אִיז עֶר אַ 'יֵשׁ', אַ זַאךְ, אַנֶערְקֶענְט וְכוּ', דָאס הֵייסְט אוֹיסֶער זַיין וַוייבּ, זַיין מִשְׁפָּחָה, זַיין אַרְבֶּעט, זַיינֶע שִׁיעוּרִים - דַארְף עֶר הָאבְּן אַ זַאךְ וָואס עֶר טוּט אוּן מַאכְט אוּן אִיז אַנֶערְקֶענְט, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט - קֶען מֶען טוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם.

אִיז גוּט אַז אַייעֶר מַאן זָאל זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, חֶסֶד, הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אֲפִילוּ עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב וְכוּ'; וִוי אֵיידֶער זִיצְן מִיטְן טֶעלֶעפָאן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, קוּקְן מָאוִויס, קְלִיפְּס, סְטֶעטוּס, פַּאדְקֶעסְט וְכוּ', אוּן וֶוערְן אַ קְנֶעכְט פַאר דִי קְלִיפּוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיר זֶענְט נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע פְרוֹי וָואס אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַז דִי מַאן זָאל נִישְׁט זַיין אִין אַ חֶסֶד אָרְגָאנִיזַאצִיֶע אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט, לְדַעְתִּי דַארְפְן זִיךְ פְרוֹיעֶן פְרֵייעֶן אַז דֶער מַאן אִיז אַ וַואלֶענְטִיר צוּ טוּן חֶסֶד, וַוייל עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה, וּבִזְכוּת דִי אִינְגֶעלַייט וָואס טוּעֶן חֶסֶד שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, בִּזְכוּת דִי הַצָּלָה אִינְגֶעלַייט, שׁוֹמְרִים אִינְגֶעלַייט אוּן חֲבֵרִים, חֶסֶד, מְצִילֵי אֵשׁ וְכַדוֹמֶה - וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

...

## שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶעבְּסְט מִיט דַיין וַוייבּ מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, אוּן אַלֶעס אִיז גוּט, אַזוֹי וִוי אַמָאל.

מוֹהַרְנַ"תּ הָאט גֶעזָאגְט, עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן בְּעִנְיַן שָׁלוֹם בַּיִת, בֵּינוֹ לְבֵינָהּ - אָן אַ שִׁיעוּר; וַוייל מִיט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מֶען רֵיינֶע מוֹחִין, מִיט לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ' - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען לֶעבְּט בְּטָהֳרָה.

עֶס אִיז אָבֶּער וויכְטִיג צוּ וויסְן אַז דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אַז דִי וַוייבּ רַאטֶעוֶועט פוּן עֲבֵירוֹת, דָאס אִיז נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט אִיר וֶוען מֶען וִויל פוֹעֵל'ן וְכוּ', דָאס קֶען צוּמָאל עֶרְגֶער מַאכְן, דָאס קֶען מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי מֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד פַארְן מַאן, מֶען אִיז נָאר וֶוערְד פַאר שְׁמִירָה. אוֹיךְ קֶען מֶען טְרַאכְטְן 'אוֹי וֵויי, אִיךְ לֶעבּ מִיט אַ מַאן וָואס אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ' וְכוּ'.

דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט - דָאס זָאגְט מֶען פַארְן מַאן, עֶר זָאל אַוֶועק קוּקְן פוּן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם עִיקָר; אַז מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז מֶען עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, אִיז שׁוֹין דַּיֵּינוּ, אָבֶּער פַאר דִי וַוייבּ נִיצְט מֶען אַנְדֶערֶע דִיבּוּרִים, בִּפְרַט אַז מֶען וִויל אִיר מְפַיֵּיס זַיין זִי זָאל אָנְהוֹיבְּן רֶעכֶענֶען וְכוּ', אוּן גֵיין וְכוּ' - נִיצְט מֶען שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, רַייכֶע וֶוערְטֶער, לִיבְּשַׁאפְט וֶוערְטֶער וְכוּ'.

גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ קֶען מַאֲרִיךְ זַיין, דִיר שְׁרַייבְּן צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער, אָבֶּער מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ שְׁרַייבְּן מֶער, אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

...

## בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מֶעגְסְט בֶּעטְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבּ'ס עֶלְטֶערְן זָאלְן דִיר בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ דִירָה, עֶס אִיז אַ שִׂמְחָה פַאר עֶלְטֶערְן צוּ הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער קוֹיפְן אַ הוֹיז, עֶס אִיז אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען בָּארְגְט גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה וִוי מֶען בָּארְגְט גֶעלְט צוּ לֶעבְּן; וַוייל בָּארְגְן גֶעלְט אוֹיפְן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, דָאס טוּט וֵויי פַאר עֶלְטֶערְן, צוּ זֶען וִוי דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט דוּרְכְשְׁטוּפְּן דֶעם חוֹדֶשׁ, דִי וָואךְ וְכוּ', אָבֶּער וֶוען מֶען קוֹיפְט אַ דִירָה - אִיז דָאס אַ שִׂמְחָה; זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַלֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶע

בַּאקַאנְטֶע, אוּן זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַבִּיסְל בָּארְגְט מֶען אוּן אַבִּיסְל זָארְגְט מֶען אוּן מֶען הָאט אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא בַּ׳בְלִי, יְ׳רוּשַׁלְמִי, אוּן אַ פֶּרֶק תּ׳וֹסֶפְתָּא, דִי דְרַיי לִימוּדִים אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בַּ׳יִ"ת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְן אַ בַּיִת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אַ בַּיִת נִצְחִי לְנֵצַח נְצָחִים. אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בִּלְמוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען דַארְף נִישְׁט גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין, אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

...

## מִנְהָגִים פוּן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ח׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג, ׳שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִידוֹת׳, מֶען קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם הַכִּפּוּרִים, אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן עֶטְלִיכֶע מִנְהָגִים פַאר דֶעם גְרוֹיסְן טָאג:

מָארְגְן עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ פַארְטָאגְס מַאכְט מֶען דִי מִנְהָג פוּן כַּפָּרוֹת, עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז דִי יָאר וֶועלְן מִיר נָאכְאַמָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין אִין שְׁטֶעטְל דִי הֵיילִיגֶע מִנְהָג פוּן כַּפָּרוֹת מִיט שׁוֹחֲטִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער מִנְהָג אִיז אַז עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ גֵייעְן אַלֶע אִין מִקְוֶה, אוֹיךְ דִי מִשְׁפָּחוֹת.

בַּיי חֲצוֹת טוּט מֶען זִיךְ אָן בִּגְדֵי שַׁבָּת, מֶען עֶסְט אַ סְעוּדָה מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, בַּיי דִי סְעוּדָה דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, עֶר וַואשְׁט אוּנְז אָפּ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז

אוּנְז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע, וַוייל אוֹיף דֶעם הֶעלְפְּט נִישְׁט יוֹם הַקָּדוֹשׁ, בִּיז מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער.

דֶער מִנְהָג אִיז אַז מֶען צִינְדְט אַ 'לֶעבֶּעדִיגֶע לֶעכְט' אִין שְׁטוּב וָואס בְּרֶענְט אַ גַאנְצְן טָאג.

יוֹם כִּיפּוּר גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן וַוייס; אַ וַוייסֶע קִיטְל, אַ וַוייסֶע קַאפְּל, אוּן אוֹיךְ דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן וַוייס; אַ וַוייסֶע טִיכְל אוּן אַ וַוייסֶע שִׁירְצְל.

אַז מֶען וֵוייסְט אַז מֶען הָאט אֵיינֶעם מְצַעֵר גֶעוֶוען - דַארְף מֶען יֶענֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן, וַוייל יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִיז מְכַפֵּר אוֹיף אַלְצְדִינְג, אוֹיסֶער אוֹיף בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אַ זִיסֶע יָאר, אַ גוּטֶע יָאר, מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ט' תִּשְׁרֵי, עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז נִישְׁט קֵיין צַייט צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, אִיךְ וִויל נָאר צְוֵויי זַאכְן; אֵיינְס, אִיךְ וִויל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן זָאלְסְט הָאבְן אַ זִיסֶע יָאר, אַ גוּטֶע יָאר, מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. אוּן אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיךְ מַזְכִּיר זַיין אִין דַיינֶע תְּפִילוֹת בַּיים דַאוֶונֶען.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״א תִּשְׁרֵי, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נָאר זַיין בְּשִׂמְחָה אוּן נִישְׁט מַאכְן קֵיין עֵסֶק אוֹיבּ דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט מְסוּדָּר אָדֶער דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט לוֹיט דַיין טַעַם; פַּארְגֶעס נִישְׁט אַז עֶרֶב שַׁבָּת ווִילְן דִי קְלִיפּוֹת נָאר אֵיין זַאךְ, עֶס זָאל וֶוערְן אַ קְרִיגֶערֵיי צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; זָאלְסְט דָאס זֵיי נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן, דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז מֶען מוּז הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מֶען רֵיינֶע מוֹחִין, נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת קֶען מֶען זַיין הֵיילִיג, אוּן דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טוּט אַלֶעס אַבִּי עֶס זָאל וֶוערְן אַ רִיס צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ ווִיל רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ ווִיל זֶען דָאס גוּטְס אִין שְׁטוּבּ, רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן דִי קְלִיפּוֹת וָואס מַאכְן מִיךְ נֶערְווֹנְדִיג אוּן גֶערֶעגְט, הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם״.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי שְׁרֵיי אוֹיס דַיין הַארְץ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ פְרַיינְד, וואוּיל אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט דֶעם אוּן פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן; גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט מִיט שִׂמְחָה פַּאר מִצְווֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א', י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט גֶעקוֹיפְט עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַּאר דַיין וַוייבּ? קוֹיף אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פַּאר דַיין וַוייבּ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אוּן גֶעבּ אִיר אַפָּאר דָאלֶער זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען קוֹיפְן קְלֵיידֶער וְכַדוֹמֶה, אוּן בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער; וַוארְט נִישְׁט עֶס זָאל זִיךְ צֶערַייסְן חַס וְשָׁלוֹם אִירֶע נֶערְוְון, אֵיינְמָאל נֶערְוְון צֶערַייסְן זִיךְ - אִיז שׁוֹין בִּיטֶער, הֶעלְף אִיר מִיט דִי קִינְדֶער, מַאךְ עֶס מִיט שִׂמְחָה.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט קַארְגְן אוֹיף מִצְווֹת, קוֹיף דִי שֶׁענְסְטֶע ד' מִינִים אוּן קוֹיף פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער ד' מִינִים; קְרֶעכְץ נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן מִצְווֹת, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן אַז דִי יוֹם טוֹב קָאסְט גֶעלְט, פַּאר אַלֶעס אִיז דָא גֶעלְט; פַּאר אַ קַאר, פַּאר אַ הוֹיז, פַּאר מֶעבְּל, פַּאר שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען טוּן דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט.

מֶען קֶען זֶען אִין דִי בְּרִיוו וִוי מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט פַּאר דִי וָואס בְּרֶענְגֶען אִים אַן אֶתְרוֹג, מֶען הָאט גֶעוָואלְט בְּרֶענְגֶען מַתָּנוֹת, שְׁרַייבְּט מוֹהֲרַא"שׁ אַז פַּאר אַ מִצְוָה דַארְף מֶען בַּאצָאלְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁמוֹת, קכח.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כה, ב): "וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי', הַאי מַאן דְּבָעֵי לְאִשְׁתַּדְלָא בְּמִצְוָה, וּלְאִשְׁתַּדְלָא בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אִצְטְרִיךְ דְּלָא יִשְׁתְּדַל בֵּיהּ בְּרֵיקָנַיָּא וּבְמַגָּנָא, אֶלָּא אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִשְׁתַּדְלָא בֵּיהּ כַּדְקָא יָאוּת כְּפוּם חֵילֵיהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה דַארְף מֶען בַּאצָאלְן גֶעלְט פַּאר דִי מִצְוָה, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סוּכָּה, בַּאצִיר עֶס מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע נוֹי סוּכָּה, לֵייג אַרַיין דַיין הַארְץ אִין דִי מִצְווֹת; דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאס נָאכְמַאכְן, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ מַאכְן שֵׁיינֶע סוּכּוֹת. טְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין אִין יָאר תת"ו, אִין צְוָואנְצִיג יָאר

אַרוּם וָוען עֶס וֶועלְן זַיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. גֶעב אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייז זֵיי אַז יוֹם טוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ פַּאר דִיר, וֶועלְן זֵיי זַיין גוּטֶע עֶרְלִיכֶע פְּרוּמֶע אִידְן.

וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הַטְעִימֵנוּ נָא טַעַם סוּכָּה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעב מִיר אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אִין דִי סוּכָּה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַ גַאנְץ יָאר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיין זְכוּת, ווִי דוּ זָארְגְסְט פַּאר דַיין טַאטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיין זְכוּת, דַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, ווִי דוּ זָארְגְסְט פַּאר דַיין טַאטֶע, ווִי דוּ הֶעלְפְּסְט אִים מִיט גֶעלְט פַּאר יוֹם טוֹב, ווִי דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין כָּבוֹד.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי מִצְוָה זֵייעֶר גְרוֹיס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "הִשְׁוָה הַכָּתוּב כִּבּוּד אָב וָאֵם לִכְבוֹד הַמָּקוֹם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן אַזוֹי ווִי מֶען אִיז אִים מְכַבֵּד.

מֶענְטְשְׁן הָאבְן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה אִין דִי מִצְוָה, מֶען אִיז לֵיידֶער מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן דֶעם, מֶען וַוארְפְט עֶס צוּ דִי אַנְדֶערֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, אוּן נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט טוּן דִי מִצְוָה - דֶעמָאלְט הָאט מֶען חֲרָטָה.

זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת דַוְקָא אִין שׁוּל,

און אַז עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קֵיין מִנְיָן - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען.

...

## לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ גְרִיסְן יֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַאךְ אַבִּיסְל צַייט יֶעדְן טָאג צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ, דֶערְצֵייל אִיר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, דֶערְצֵייל אִיר אַגָּדוֹת חֲזַ"ל. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיר דֶערְצֵיילְן פוּן דִי חִיזוּק וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס אִיז נִישְׁט אִין דִי אִיסוּר וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, ה): "אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה, בְּאִשְׁתּוֹ אָמְרוּ, קַל וָחֹמֶר בְּאֵשֶׁת חֲבֵרוֹ", מֶען זָאל נִישְׁט פַארְמֶערְן שְׁמוּעֶסְן מִיט אַ פְרוֹי, אֲפִילוּ נִישְׁט מִיט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים מֵיינֶען צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן דִי וַוייבּ, אִיר דֶערְצֵיילְן דוּרְכְפֶעלֶער, בִּלְבּוּלִים און סְפֵיקוֹת וְכוּ', אָדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וַוייל דָאס קֶען אִיר זֵייעֶר צֶעבְּרֶעכְן, דָאס קֶען גוֹרֵם זַיין צוּ "וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנּוֹם", אָבֶּער חִיזוּק, אַגָּדוֹת חֲזַ"ל, און שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט אִין שׁוּל - דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ דֶערְצֵיילְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי בַּאגְרִיסְן, זֵיי פַארְגִינֶען אַ שְׁמֵייכְל. לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם גְרִיסְן אַ גוּט מָארְגְן, יֶעדְן גְרִיסְן אַ גוּטְן טָאג, אַ גוּטְן אָוֶוענְט וְכוּ'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "יַקְדִים לוֹ שָׁלוֹם", מֶען זָאל זַיין דֶער וָואס בַּאגְרִיסְט עֶרְשְׁט אַ צְוֵוייטְן; מִי יִתֵּן אַז צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאל מֶען דָאס נִישְׁט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין, וַוייל אַלֶע וֶועלְן אָנְהֵייבְּן גְרִיסְן, מֶען וֶועט נָאר קֶענֶען צוּרִיק גְרִיסְן.

...

## סוּכּוֹת אִיז מוֹהֲרָא"שְׁ'ס זַאךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב', י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

סוּכּוֹת אִיז מוֹהֲרָא"שְׁ'ס זַאךְ, מוֹהֲרָא"שְׁ'ס יוֹם טוֹב. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט זַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוֹהַרְנַ"ת הָאט גֶעזָאגְט זַיין זַאךְ אִיז יוֹם הַקָּדוֹשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "מַיין זַאךְ אִיז סוּכּוֹת", וָוען מֶען זֶעט אַז עֶסְן, טְרִינְקֶען, שְׁלָאפְן - אִיז רוּחָנִיּוּת אֱלֹקוּת, מֶען מַאכְט פוּן גַשְׁמִיּוּת - רוּחָנִיּוּת, עֶס וֶוערְט אַ שִׁלּוּב פוּן דִי צְוֵויי שֵׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים הֲוַיָ"ה אֲדֹנָ"י, וָואס בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם אִיז סוּכָּ"ה, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן יג; וְעוֹד) סוּכָּה אִיז אֵיין אוּן נַיינְצִיג אַזוֹי וִוי דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת יאהדונה"י; מֶען זִיצְט אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין, דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט.

מָארְגְן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען דִי ד' מִינִים, בַּיים שָׁאקְלֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בַּיי אַלֶע זַייטְן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר דִי אֵיין זַאךְ, זָאלְסְט בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זַיין מִיט דִיר, סַיי רֶעכְטְס סַיי לִינְקְס, סַיי פָארְאוֹיס, סַיי וֶוען אִיךְ בִּין בִּבְחִינַת עָיֵיל, בִּבְחִינַת רָצוֹא, בְּחִינַת אִם אֶסַּק שָׁמַיִם - זָאל אִיךְ זַיין מִיט דִיר אוּן וִויסְן אַז אִיךְ קֶען גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט אוּנְטְן זָאלְסְטוּ וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר נָאךְ אַ גֶעלֶעגֶנְהֵייט, אִיךְ וִויל נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן אִין דִי בְּלָאטֶע, אִיךְ וִויל זַיין מִיט דִיר", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט צוּ מַעֲרָב זָאלְסְטוּ אוֹיךְ בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר אֲפִילוּ אַלֶעס גֵייט מִיר פַארְקֶערְט".

דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען לְכָבוֹד דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז אוּן גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת וִוי מִיר זָאלְן קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶעלִי

## אִיךְ פְרֵייִ זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

״אוֹי מַיין סוּכָּה אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיט דִי ווִינְט, יֶעצְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קֵיין סוּכָּה, אוֹי וֵויי... מֶען הָאט מִיר אַלֶעס אַוֶועק גֶענוּמֶען, נִישְׁט קֵיין שׁוֹפָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נִישְׁט קֵיין ד׳ מִינִים סוּכּוֹת, גָארְנִישְׁט, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין סוּכָּה אוֹיךְ נִישְׁט... אוֹי וֵויי...״

גֶעוֶוען אִיז דָאס מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען דִי קַאמֶענִיסְטְן דִי רְשָׁעִים הָאבְּן גֶעפַּייְנִיגְט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ אִיד וָואס בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט פַאר זֵיי – הָאבְּן זֵיי אִים פַארְשִׁיקְט קַיין סִיבִּיר, ווַייט וַוייט פוּן אִידְן, וַוייט וַוייט פוּן מִשְׁפָּחָה. אִין סִיבִּיר אִיז אַ גַאנְץ יָאר אַייז קַאלְט, דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעפַּייְנִיגְט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר דִי רוּסִישֶׁע צַאר, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה.



"אוֹי וֵויי, מַיין סוּכָּה אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיט דִי וִוינְט..."

גֶעוֶוען אִיז דָארְט אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר׳ מֶענְדְל פּוֹטֶערְפַּאס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹיךְ אִים הָאט מֶען פַּארְטְרִיבְּן קַיין סִיבִּיר פַאְרן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. ר׳ מֶענְדְל אִיז גֶעוֶוען דָארְט פַאר צֶענְדְלִיגֶער יָארְן, און וִויפִיל מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה און פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, און ר׳ מֶענְדְל טְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳וָואס וֶועט דָא זַיין? עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָׁנָה און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שׁוֹפָר, עֶס קוּמְט סוּכּוֹת און עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אֶתְרוֹג, קֵיין לוּלָב מִיט הֲדַסִים און עֲרָבוֹת, אָבֶּער אַ סוּכָּה קֶען אִיךְ הָאבְּן; אִיךְ וִויל זִיךְ צַאמְקְלַאפְּן אַפָּאר בְּרֶעטֶער און לֵייגְן צְוַוייגְן מִיט בְּלֶעטֶער פַאר סְכַךְ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן עֶסְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה׳.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, ר׳ מֶענְדְל אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן טְרֶעפְן שְׁטִיקְלֶעךְ הֶעלְצֶער און עֶר קְלַאפְּט זִיךְ צוּזַאמֶען אַ סוּכָּה, עֶר וַוארְט שׁוֹין ׳וֶוען וֶועט שׁוֹין זַיין סוּכּוֹת און אִיךְ וֶועל קֶענֶען דָא אִין גָלוּת סִיבִּיר מְקַיֵים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה׳.

״אוֹי מַיין סוּכָּה אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיט דִי וִוינְט, יֶעצְט

װעל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קֵיין סוּכָּה, אוֹי וֵויי... מֶען הָאט מִיר אַלֶעס אַװעק גֶענוּמֶען, נִישְׁט קֵיין שׁוֹפָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נִישְׁט קֵיין ד׳ מִינִים סוּכּוֹת, גָארְנִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין סוּכָּה אוֹיךְ נִישְׁט... אוֹי וֵויי...״

דֶער צַדִיק ר׳ מֶענְדְל ווִיל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן וֵויינֶען פוּן צַעַר, אָבֶּער עֶר גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ אוּן זָאגְט ׳הַיינְט אִיז יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, יוֹם טוֹב טָאר מֶען נִישְׁט וֵויינֶען אוּן זַיין בְּצַעַר; אַז מֶען הָאט מִיר אַלֶעס אַװעק גֶענוּמֶען, נִישְׁט קֵיין שׁוֹפָר, נִישְׁט קֵיין סוּכָּה, נִישְׁט קֵיין ד׳ מִינִים – זָאל אִיךְ יֶעצְט אַװעק גֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה? נֵיין! אִיךְ גֵיי נִישְׁט וֵויינֶען, אִיךְ גֵיי זַיין פְרֵיילִיךְ! אִיךְ װעל הָאבְּן דִי מִצְוָה פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן׳; עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן ׳וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ׳.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל, מֶען הָאט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף – זָאל מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן: ״טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ, וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד״.

# מהדורת קנאלל

הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות

מוה"ר **אברהם אליהו קנאלל** הי"ו

וזוגתו **פיגא** תחי'

וילדיהם

**מלכה, ישראל, אליעזר**
**שלמה, משה מרדכי**

שיחיו

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון